בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## חיי שרה

## כ"ד חשון תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:05 |
| מוצש"ק | 5:19 |
| ר"ת | 5:57 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 7:59 | סוז"ת א' | 9:07 |
| סוזק"ש ב' | 8:43 | סוז"ת ב' | 9:36 |

גליון מס':
ק"ס
שנה ד'

טיב הפרשה

# ביני ובינך מה הוא

## די אמונה טהורה פון אברהם אבינו אין יעדן מצב

אין די פרשה'ס וואו מיר לערנען איבער די אבות הק' און זייער הנהגה, קען מען טרעפן צווישן די שורות אסאך גוטע הנהגה'ס וועלכע איז א יסוד פאר א אידישער לעבן און פון אן אמת'ע און א ריינע אמונה.

אין אונזער פרשה לערנען מיר איבער די פטירה פון שרה אמנו און איבער ווי אזוי אברהם אבינו האט גלייך נאך די פטירה זיך געגרייט צו די קבורה פון שרה אמנו און זיך געווענדן צו עפרון ער זאל אים פארקויפן די שטח, וואו עס איז געשטאנען די מערת המכפלה.

די תורה הק' דערציילט אונז ווי אזוי עפרון האט זיך אויפגעפירט, אז נאכ'ן זאגן אז ער איז גרייט אוועקצוגעבן די גאנצע מערה פאר אברהם אבינו, האט ער זיך געלאזט קאסטן א טייערע פרייז פאר די שטח און גענומען פאר איר, נישט וויניגער ווי 400 שטיקער גאלד.

אויסער די נקודה אז אברהם אבינו האט זיך נישט איינגע'טענה'ט מיט עפרון און געבעטן ער זאל אים אראפלאזן פון די פרייז, טראץ וואס עס איז געווען אן איבערגעטריבענער פרייז, זעט מען דא א מורא'דיגע זאך.

די גאנצע געשעעניש צווישן עפרון און אברהם אבינו האט פאסירט נאך די פטירה פון שרה אמנו. מיר ווייסן אז די פטירה פון שרה אמנו איז געווען א דירעקטע תוצאה אז שרה האט געהערט אז מען האט גענומען יצחק צו די עקידה.

ווען מען לערנט אפ די פרשה פון די עקידה זעט מען אז נאכדעם וואס אברהם אבינו האט עומד געווען אין די שווערע נסיון איז אים הקב"ה מבטיח אז עס וועט ארויסקומען פון אים א גרויסער פאלק, אז זיינע קינדער וועלן ירשנ'ען ארץ ישראל.

טיב המערכת

## שׂוֹנֵא מַתָּנֹת יִחְיֶה

ווען מרן הגרי"ז זצ"ל, באוואוסט אלץ 'דער בריסקער רב' האט חתונה געמאכט איינער פון זיינע קינדער, האט דער אייגנטומער [בעל הבית] פונעם זאַל נישט געוואלט נעמען קיין געלט פון אים פארן נוצן דעם זאל. האט דער בריסקער רב גענזאגט צו אים: טו מיר א טובה און נעם פון מיר די געלט, ווייל געלט איז די ביליגסטע זאך מיט וואס צו באצאלן, און טאמער וועל איך דיר נישט צאלן מיט געלט וועל איך דיר זיין שולדיג עפעס אנדערש, און צום סוף וועט עס זיין אסאך טייערער ווי בלויז געלט.

אויב מיר ווילן אריינטראכטן אין דעם, ווילן מיר איינזען ווי גערעכט איז דער הייליגער בריסקער רב געווען, ווייל געלט איז דאך א באצאלונג פאר יעדער זאך, אזוי ווי דער וועלט זאגט אז פאר געלט קען מען אלעס מאכן געשען, און ווען איינער טוט א טובה פאר זיין חבר, און וויל נישט נעמען קיין באצאלונג דערפאר, איז עס א סימן אז ער וויל אז יענער זאל אים 'מכיר טובה' זיין דערפאר, אין אן ארט וואו געלט העלפט נישט, ווייל אויב וואלט ער נישט גערארפט האבן די טובה וואלט ער גענומען די באלוינונג וואס קומט זיך אים.

ענדליך צו דעם זעען מיר אין די פרשה פון די וואך, ווען אברהם אבינו האט זיך באשעפטיגט מיטן קויפן דער שטח פון עפרון החתי צו באגראבן שרה, האט עפרון נישט געוואלט נעמען געלט דערפאר, און ער האט געזאגט צו אים: 'הַשָּׂדֶה נָתַתִּי לָךְ וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר בּוֹ לְךָ נְתַתִּיהָ', דאס הייסט אז ער געבט עס אים אן געלט, אבער אברהם האט זיך גע'עקשנ'ט, און נישט נאר האט ער געוואלט באצאלן דערפאר, נאר ער האט אויך געזאגט צו עפרון אז ער וועט אים טון א גרויסע טובה אויב ער וועט נעמען באצאלט דערפאר, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין תרגום אונקלוס, אז דאס וואס אברהם האט געזאגט 'אִם אַתָּה לוּ שְׁמָעֵנִי נָתַתִּי כֶּסֶף הַשָּׂדֶה', מיינט: 'אִם אַתְּ עָבֵד לִי טִיבוּ, קַבֵּל מִנִּי אֶתֵּן כַּסְפָּא דְּמֵי חַקְלָא' וכו'.

און וואס איז דער ענין פון פון אט דער טובה? נאר, אברהם אבינו האט געוואוסט אז נישט אומזיסט האט דער מענטש עס אים געוואלט געבן אלץ געשאנק אן געלט, און אוודאי האט ער געוואלט אז אברהם אבינו זאל אים מכיר טובה זיין מיט עפעס וואס ער האט נישט געהאט די מעגליכקייט עס צו פארשאפן מיט געלט, און אברהם כאטש וואס זיין מדה איז חסד, האט ער בשום אופן נישט געוואלט מכיר טובה זיין פארן רשע, און דערפאר האט ער אים געבעטן אז ער זאל נעמען געלט דערפאר, און האט אים ערקלערט אז דערמיט טוט ער אים א טובה, וויבאלד ער וועט אים מער נישט דארפן מכיר טובה זיין.

און ווירקליך האט מען דערנאך געזען ווי אברהם איז געווען גערעכט, ווייל ענדליך האט עפרון געבעטן א 'קנאקעדיגע' באצאלונג דערפאר, בעטנדיג אַרְבַּע מֵאוֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף עֹבֵר לַסֹּחֵר, און אויב וואלט ער אין אמת'ן נאר געוואלט גוטס טון צו אברהם, וואלט ער צום סוף נישט גענומען פון אים אזויפיל געלט.

(עפ"י טיב התורה – חיי שרה)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

גלייך פון די עקידה איז אברהם אבינו געקומען צו די קבורה פון שרה, און גלייך האט ער זיך געדארפט פארמעסטן מיט א גוי וואס בעט אים גרויס געלט פאר א שטח, וועלכע געפינט זיך אין ארץ ישראל, דאס לאנד וואס הקב"ה האט צוגעזאגט אז ער גייט געבן פאר אים.

שטייענדיג אין אזא מאמענט, אין אזא מצב, וואלט אברהם אבינו געקענט גרינגערהייט אויפהייבן א ויצעקו און זאגן אז דאס קען נישט זיין, אז די צוויי זאכן גייען נישט צוזאמען, ער האט דא א הבטחה אז דאס לאנד איז זיינס, דער בורא כל העולמים האט אים געגעבן אזא בפירושע הבטחה און דא דארף ער אראפלייגן אזעלכע געלטער פאר א שטח וועלכער איז בעצם זיין אייגענע שטח.

אבער אברהם אבינו האט נישט געטון אזוי. אנשטאט דעם האט ער גלייך משלים געווען מיט'ן מצב און פארשטאנען אז עס איז נאכנישט געקומען די ריכטיגע צייט אז די הבטחה זאל מקויים ווערן און באצאלט די קרקע, לויט די פרייז וואס מען האט געשטעלט פאר אים.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דעם זעט מען א געוואלדיגע גדלות אין אמונה. אברהם אבינו האט נישט געהאט קיין הוה אמינא אז די הבטחה וועט נישט מקויים ווערן אבער ער האט אנגענומען מיט אהבה, מיט פארשטענדעניש, מיט אמונה, אז דאס וואס ער זעט עס נישט כרגע איז א סימן אז עס איז נאכנישט די צייט דערצו.

אזא הנהגה נעמט זיך פון איין זאך, די מקור דערצו ליגט אין די איינגעבויטע אמונה פון דער איד. ביי אברהם אבינו איז געווען קלאר אז אלעס וואס הקב"ה טוט איז לטובה, ער האט געהאט די פולסטע מאס צוטרוי אין הקב"ה, אז אלעס וואס ער טוט איז גוט און ריכטיג.

דאס איז די דרגה פון אמונה צו וואס א איד דארף שטרעבן און צילן, ער זאל אייביג וויסן און געדענקען די נקודה, אז וואס הקב"ה טוט איז ריכטיג, עס זאל זיין ביי אים א דבר פשוט אז די דרכים פון הקב"ה איז העכער פון זיין השגה און אז מען קען עס נישט פארשטיין און אז אלעס איז בעצם פאר זיין טובה וועגן.

עס מאכט זיך אסאך מאל אז מען הערט מענטשן רעדן זיך אפ אויף א געוויסער זאך. זיי ווילן וויסן פארוואס איז עס אזוי און אזוי. די שאלות ווערן שטערקער ווען אין אונזערע פליישיגע אויגן זעט עס אויס ווי א סתירה, ווי למשל אז א זאך באטרעפט א איד וואס לויט אונזער פארשטאנד קומט אים נישט אזא עונש אדער אזא הנהגה.

מען פרעגט, זו תורה וזו שכרה, אבער אז מען האט אמונה - פרעגט מען נישט קיין שאלות און קיין קשיא'ס. מען האט צוטרוי, מען גלייבט אז אלעס איז לטובה.

די נקודה האט מען געזען אלע דורות ביי כלל ישראל, אבער ביתר שאת האט מען עס געזען נאך די ביטערע קריג רח"ל. אידן וואס האבן איבערגעלעבט די קריג זענען געבליבן אן קיין משפחה, אן קיין נאנטע, אן קיין ארומיגע. אסאך פון די וואס זענען אומגעקומען זענען געווען געהויבענע אידן. דער איד וואלט געקענט פרעגן שאלות און קשיא'ס, אבער מען האט נישט געפרעגט קיין קשיא'ס, נאר גלייך נאך די קריג האט מען זיך אויפגעהויבן און ווייטער געגאנגען און פון פריש געבויט א נייער דור.

דער כח צו קענען ווייטערגיין און בלייבן מיט די אמונה הטהורה, דאס איז א כח וואס מיר האבן מקבל געווען פון אברהם אבינו. ביי אים האט מען געזען די נקודה אז זיין איינגעפלאנצטע אמונה האט גורם געווען אז מיר זאלן זיך קענען דערהאלטן ווייטער.

אז מען קוקט זיך היינט ארום, און מען זעט ווי דער דור האט זיך צוריקגעבויט בתורה ובעבודה און עס איז דא היינט טויזנטער מוסדות'ער און אלעס בליט אויפ'ן שענסטן פארנעם - קען מען גרינג פארשטיין וואס וואלט ווען געווען אויב אונזערע זיידעס וואלטן זיך נישט אנגעגארטעלט מיט די דרייסט און אוועקגעקוקט פון דער עבר און געקוקט צו דער עתיד און געבויט תורה.

עס איז געווען אזוי ביי די קריג, און עס דארף זיין דער יסוד פון א איד צו קענען פארקוקן און ווייטערגיין און ממשיך זיין ווייטער, ווייל נאר אזוי קען מען אנגיין און נאר אזוי קומט מען אן ווייטער און ווייטער.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל קענען ממשיך זיין מעלה מעלה און האבן די כוחות אנצוגיין מיט עבודת ה' און האבן די ריכטיגע אמונה בה' ובתורתו.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן דורך לייענערס

# א גוטער שליח

מידי שבוע בשבוע האבן אונז א שיעור ביי אונזער פאטער. צו די שיעור קומט מען צופארן פון די ארומיגע שטעט, פון בית שמש, פון ביתר.

איין וואך נאכ'ן שיעור האט זיך א חלק פון די גרופע ארויסגעלאזט קיין מירון. זייענדיג איינגעטיילט אין צוויי באזונדערע גרופעס, איינס וואס פארט קיין מירון, די צווייטע קיין בית שמש, האבן מיר ארויסגעדינגען צוויי עקסטערע קארס, איין קאר וואס איז געפארן קיין בית שמש, די צווייטע קיין מירון.

אז מען פארט קיין מירון נעמט מען מיט אסאך זאכן. מען האט אנגעלאדענט די קאר בכל טוב וטוב און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

אנקומענדיג קיין מירון האבן מיר געוואלט צופארן צו די אכסניא, אבער דער זיידע האט געבעטן אז ער וויל ערשט צופארן צום ציון הק' און זאגן דארט תהלים און שפעטער וועט ער פארן צו די אכסניא.

מיר האבן אזוי געטון, מען איז צוגעפארן צום ציון הק' און דארט געזאגט תהלים. עס איז שוין געווען שפעט ביינאכט ווען פלוצלונג קלינגט מיין שוואגער אריין.

"עס פעלט מיר מיינע זאכן, אפשר איז עס בטעות אין דיין קאר"?

נאכ'ן געבן די סימנים האב איך א קוק געגעבן אין די קאר און יא, די פעקל איז געווען דארט.

עס האט זיך גערעדט פון זאכן וואס מ'דארף האבן אויף שבת. עס האט געמוזט אנקומען קיין בית שמש נאך פאר שבת. טראכטנדיג אזוי ווי אזוי טרעף איך א שליח קיין בית שמש נאך פאר שבת, קומט מיר אקעגן מיין שכן.

"דו בלייבסט אויף שבת"? פרעג איך דעם שכן.

"ניין, איך פאר שוין צוריק".

איך האב אים גלייך דערציילט איבער דער פעקל, און ער האט מסכים געווען עס צונעמען מיט זיך.

איך האב געדאנקט הקב"ה ווי אזוי אינמיטן נאכט האב איך געטראפן א פאסיגער שליח פאר די פעקל פון מיין שוואגער.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ר. מ.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# די גרויסקייט פון די וואס שטיצן די לומדי התורה הקדושה

**"וַתֹּאמֶר גַּם לִגְמַלֶּיךָ אֶשְׁאָב עַד אִם כִּלּוּ לִשְׁתֹּת"**

כד, יט

**אין ספה"ק תפארת שלמה איז ער מפרש דעם פסוק על דרך הרמז, איבערן גרויסקייט פון די וואס שטיצן די לומדי התורה, וועלכע ווערן אנגערופן 'תַּמְכִין דְאוֹרַיְתָא'. וזה לשון קדשו: "גַּם לִגְמַלֶּיךָ אֶשְׁאָב. – הַנִּרְאֶה לְרַמֵּז בָּזֶה גֹּדֶל מַעֲלַת הַמַּחֲזִיקִים יְדֵי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, הֵם תַּמְכֵי אוֹרַיְתָא. אַף שֶׁאֵין בָּהֶם תּוֹרָה, אַף עַל פִּי כֵן גַּם הֵמָּה רְאוּיִים לִשְׂכַר טוֹב וּלְהַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת".**

**"וְזֶה הַפֵּרוּשׁ, 'גַּם לִגְמַלֶּיךָ' – הֵם הַגּוֹמְלֵי חֲסָדִים, 'אֶשְׁאָב' – לְהַשְׁפִּיעַ לָהֶם כָּל טוּב וַחֲסָדִים רַבִּים", עד כאן לשון קדשו, וּשְׂפָתַיִם יִשָּׁק.**

***

ווען **הגה"צ רבי חיים יהודה לייב אויערבאך זצ"ל** האט אויפגעשטעלט אונזער הייליגע ישיבה, **'ישיבת שער השמים'** וואס שיינט אין איר פולע פראכט דא אין די הייליגסטע שטאט פון די וועלט ת"ו, האט ער זיך געדארפט שווער מוטשען זוכנדיג די געלט. אין יענע צייטן זענען די כולל יונגעלייט אין ירושלים געווען שטארק אנגעוויזן אין די 'געהאלט' וואס זיי האבן באקומען פון די ישיבה, און ווען זיי האבן עס נישט באקומען איז זייער צושטאנד אנגעקומען כמעט ביז א שטיקל ברויט...

האט זיך געמאכט א תקופה, וואס די ישיבה איז אנגעקומען צו זייער א שווערער מצב, און נאך עטליכע חדשים וואס מען האט נישט פארטיילט די געהאלט פאר די יונגעלייט, איז געווען ממש א בחירה פון 'בָּאוּ מַיִם עַד נָפֶשׁ', און די הנהלה פון די ישיבה הקדושה איז געווען געצוואונגען צו פארזאמלען א דרינגענדע **אסיפה** און אויסרופן א **מגבית קודש** צו ראטעווען די ישיבה. דער ציבור איז געלאדנט געווארן זיך צו פארזאמלען אינעם גרויסן זאל אין **'בלועמנטאל'** יתומים אנשטאלט [מוסד] אין צענטער פון ירושלים עיר הקודש, און דער ראש ישיבה, הגה"צ רבי חיים לייב, האט געזוכט א פאסיגער **'אורח הכבוד'** וועלכער זאל אויפטרעטן מיט פאסיגער דיבורים. דאס האט געדארפט זיין א איד א בעל צורה, א **'פה מפיק מרגליות'** – אזוי ווי דער וועלט ערקלערט דעם אויסדרוק – אזא איינער, וואס די דרשות וואס ער לאזט הערן, נעמען די צוהערער ארויס געלט פון זייערע טאשן און זענען מנדב מרגליות, בריליאנטן...

נאכן זוכן און נישטערן פון אלע זייטן, איז ארויפגעקומען דעם פלאן צו ברענגען דעם **פאניוויזשער רב, הגה"צ רבי יוסף שלמה הכהן כהנמן זצוק"ל**, וואס אויסערדעם וואס ער האט געהאט זייער א וואונדערליכער כח פון רעדן, האט ער אויך געהאט גרויס ערפארונג [מומחיות] מיטן שאפן געלט צו אויסהאלטן דעם עולם התורה.

דער פאניוויזשער רב האט גערן צוגעשטימט ארויסצוהעלפן מיטן דריגענדן אסיפה, פונקט ווי ער האט זיך גערן אנגערופן צו צוהעלפן פאר יעדן דבר שבקדושה, און ער איז טאקע ספעציעל געקומען פון זיין ישיבה אין בני ברק, כדי זיך צו באטייליגן ביים ספעציעלן אסיפה וואס איז פארגעקומען צו ראטעווען די ישיבה 'שער השמים'.

איידער ער איז אריינגעקומען אין זאל, איז ער אויפגענומען געווארן מיט כבוד דורך די הנהלה און די ראשי הישיבה, וועלכע האבן זיך אראפגעזעצט מיט אים אינעם אפיס, און האבן אראפגעלייגט פאר אים דער שווערער פינאנציעלע צושטאנד [מצב הכלכלה] פון די ישיבה, ווען הגה"צ רבי חיים לייב בעט פונעם רב אז ביי זיין דרשה זאל ער זען צו מעורר זיין די צוהערער אז זיי זאלן זיך לאזן קאסטן מיט שיינע סכומים, כדי דער מעמד זאל ברענגען די געוואונטשענע תוצאות.

ווען עס איז געקומען דער רייע פארן פאנאוויזשער רב צו רעדן דעם 'נאום הכבוד', האט ער באטראכט דעם ציבור וואס האט זיך פארזאמלט אין זאַל, און געזען אז דאס מערהייט פון זיי זענען נישט קיין נגידים... האט ער גערעדט א גאונ'ישע דרשה איבער די ענינים פון די פרשה פון די וואך, און ביים סוף פונעם דרשה האט ער מאריך געווען אין ענינים פון אמונה ובטחון, און איבערן ענין פון 'אהבת תורה' וואס יעדער איד דארף האבן א הארץ וואס ברענט מיט ליבשאפט צו די הייליגע תורה, און ער האט כמעט גארנישט דערמאנט וועגן געלט, וואס צוליב דעם האט מען דאך פאררופן דעם גאנצן פארזאמלונג...

די הנהלה פון די ישיבה איז געווען זייער ענטוישט, און ווען דער מעמד האט זיך געענדיגט, האבן זיי זיך באקלאגט פארן פאניוויזשער רב: דערפאר האט איר זיך מטריח געווען און געקומען די גאנצע וועג פון בני ברק? צודען פעלט דא אהבת תורה אדער אמונה? דער עיקר וואס מיר האבן געוואלט איז דאך געווען אז עס זאל זיין א דרשה וועגן געבן געלט! אזוי ווי עס איז באוואוסט איבער די גאנצע וועלט אז דער פאניוויזשער רב שאפט אלעמאל אסאך געלט פאר החזקת התורה, און מיר האבן געוואלט אז אויך דא זאל אזוי זיין, אז די דרשה זאל ארויסגעבן בריליאנטן...

האט זיי דער פאניוויזשער רב געענטפערט: איך וועל אייך זאגן די אמת, איך האב נישט קיין שום ספעציעלן 'קונץ' וויאזוי צו שאפן געלט... איך בין נישט קיין 'שנאָרער' און איך האב קיינמאל נישט געוואוסט וויאזוי מען נעמט צוזאם געלט... נאר דאס האב איך ביי מיר – אסאך אמונה און א פעסטן בטחון אין הקב"ה אז ער וועט מיר העלפן אויסהאלטן די מוסדות התורה, און מיטן אהבת התורה וואס פלאקערט אין מיר בין איך גרייט צו גיין פון איין עק וועלט צום אנדערן! – אט דאס זענען די איינציגסטע מיטלען וואס איך פארמאג, צו קענען שאפן געלט! דעריבער האב איך אויך דאס געלאזט הערן ביי מיין דרשה... – דערנאך האט מען אויסגעפינען, אז ווירקליך דורך אט די פייערדיגע דרשה איז אריינגעקומען גאר גרויסע סומעס געלט פאר די ישיבה, בסייעתא דשמיא.

אינעם זעלבן געלעגנהייט, האט דער פאניוויזשער רב דערציילט פאר הרה"צ רבי חיים לייב און די חברי הנהלה עטליכע פעלער וואס זענען געשען מיט אים זעלבסט, כדי זיי זאלן זען און פארשטיין אז די מלאכה פון 'שאפן געלט' פאר צדקה, ווענדט זיך בכלל נישט אין די הצלחה פון די דרשה... נאר אלעס פירט זיך בלויז מיטן **טיב ההשגחה** העליונה, בְּעֵינָא דְּאַשְׁגָּחוּתָא תְּדִירָא.

צוריק מיט עטליכע יאר, האט דער רב אנגעהויבן דערציילן, ווען איך האב געטראגן די אחריות איבער פילע מוסדות אין די שטאט **פאניוויזש** אין די **ליטא**, בין איך אמאל צוגעקומען צו א שווערן מצב מיטן אויפהאלטן די ישיבה און דעם גרויסן כולל, און וויבאלד איך האב פון אייביג אן שטארק אכטונג געגעבן אז עס זאל קיינמאל נישט פארשפעטיגט ווערן די געהאלטן אפילו מיט איין טאג! בין איך געצוואונגען געווען צו באקומען א באלדיגע הלוואה פון **מיליאן רובל קעש (1,000,000!)**. מן השמים האט מען מיר געהאלטן, און איינער פון די אנפירער פון א גרויסן באנק האט מיר פארטרויט, פארלייענדיג דעם גאנצן סומע אויפן פלאץ, ערקלערנדיג אז איך קען האבן דאס געלט מיטן באדינג [תנאי] אז גלייך ווען ער וועט דארפן האבן די געלט וועל איך עס אים פארשאפן תיכף ומיד!

עטליכע וואכן שפעטער, האב איך באקומען א וויכטיגע מעלדונג פונעם באנק מענעדזשער [מנהל] אז ער דארף וויכטיג האבן די געלט נאך היינט! האב איך אים געענטפערט אז בעזרת השם וועל איך אים נאך היינט באצאלן דעם חוב! – און דאס איז געווען אינדערצייט וואס איך האב נאך דעמאלטס נישט געהאט אפילו אן איינציגן רובל צו קענען אנהייבן באצאלן... און איך האב נישט געוואוסט פון וואו די ישועה וועט קומען, מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי.

אזוי ווי איך זיץ ביי מיר אין צימער און איך טראכט אריין וואס מען קען דא טון, וויאזוי וועל איך קענען באצאלן דעם חוב, האט זיך פלוצלונג געהערט קלאפן אין טיר פון הויז. די שטוב מענטשן האבן ערקלערט פאר דער וואס איז געשטאנען ביים טיר, אז דער רב זיצט יעצט ביי זיך אין צימער פארמאכט, און מען קען נישט אריינגיין, אבער דער גאסט איז געווען פאר'עקשנ'ט און געזאגט אז ער האט גאר א וויכטיגער זאך צו רעדן מיטן רב. ווען איך האב געפרעגט ווער עס איז, האב איך אויסגעטראפן אז דאס איז איינער פון די גרויסע טעטיגע מענטשן אינעם גרויסן פאניוויזשער ישיבה, און איך האב געהייסן אז מען זאל אים אריינלאזן.

ווי נאר ער איז אריינגעקומען אין צימער, האט ער פארשלאסן דעם טיר אונטער זיך, און גענומען רעדן צו מיר שטילערהייט, ערקלערנדיג אז ער קומט נארוואס פונעם באנק, וויבאלד זיין זון איז ל"ע גע'הרג'עט געווארן ביי א שווערן אומגליק אין מיליטער, נאכן דינען דארט עטליכע יאר מיט געטריישאפט, און דעריבער האט מען אים געשאנקען אלץ פארגיטיגונג [פיצויים] דער סומע פון **'מיליאן רובל'** טבין ותקילין! **(1,000,000!)**, אבער וויבאלד ער האט נישט געוואלט אז מענטשן זאלן אויסטרעפן דערפון, דעריבער וויל ער איבערגעבן די גאנצע סומע פארן רב, וועלכער איז אנגענומען ביי אים אלץ נאמן, און ווען ער וועט עס דארפן וועט אים דער רב

המשך אין עמוד ד' >




צוריקגעבן די געלט.

דערמיט איז דורך א געוואלדיגע השגחה פרטית מן השמים, אנגענומען דעם גאנצן סומע וואס איך האב געדארפט האבן כדי צו צוריקצאלן דעם חוב פארן באנק.

אין א טאג פון חול המועד, איז דער צווייטער מפקיד געקומען בעטן זיין געלט. נישט האבנדיג קיין אהנונג פון וואו אים צו באצאלן אזא גרויסער סומע... האב איך אים געפרעגט אויב ער האט שוין געגעסן די סעודה לכבוד יו"ט? ווען ער האט געענטפערט אז נישט, האב איך אים געבעטן אז צום ערשט זאל ער זיך וואשן צום סעודה לכבוד יו"ט, טראכטנדיג אז דערווייל וועל איך זיך מחזק זיין מיט אמונה און בטחון, און האפן צום חסד פון השי"ת.

אזוי ווי אונז זיצן און עסן די סעודה, איז דער פאסט־טרעגער אריינגעקומען מיט א ספעציעלן קאנווערט אין האנט, און ווען איך האב עס געעפנט, האב איך צו מיין שטוינונג געפינען א גאר שיינע ביישטייערונג פון איינער פון די גרויסע נדיבים פאר די ישיבה, א 'טשעק' פאר **מיליאן רובל!** (**1,000,000!**) – און אזוי האב איך געהאט צו באצאלן דעם גאנצן סומע, באצייטנס, ביז צו די לעצטע פרוטה!

**אזוי האב איך געלערנט, פון מיין אייגענער ערפארונג, האט דער פאניוויזשער רב אויסגעפירט, אז השי"ת פרובט אונז אויס שטענדיג, און וויל אז מיר זאלן זיך נישט פארזיכערן אויף די רייכע מענטשן, נאר ער ברענגט אונז צו שווערע מצבים כדי מיר זאלן לייגן אונזער בטחון בלויז אויף אים אליין, און דורכדעם ווערט געצויגן די ישועה פון די גִּנְזֵי מְרוֹמִים.**

***

הגה"צ המפורסם **רבי חיים קרייזווירט זצ"ל, אנטווערפענער רב**, איז באוואוסט געווען אלץ איינער פון די גרעסטע מְזַכֵּי הָרַבִּים פארן שטיצן די עולם התורה און גמילות חסדים, ווען חודש'ליך פלעגט ער שאפן פילע מיליאנען פאר פארשידענע צדקה צוועקן.

זיין שטייגער איז געווען אז ער פלעגט אסאך מאל אנקומען צום הייליגן לאנד, און ער פלעגט זיך אויפהאלטן דא אין ירושלים עיר הקודש פאר עטליכע חדשים, און איך שֶׁאֶבָּדֵל לְחַיִּים טוֹבִים, האב זוכה געווען צו האבן גאר א גוטן קשר מיט אים, און מיר האבן געשמועסט איבער פילע טעמעס.

אין א געלעגנהייט האט ער מיר דערציילט א וואונדערליכער מעשה, פון א ספעציעלע **השגחה פרטית** וואס מען האט אים מן השמים צוגעפירט צו א נדיב וועלכער האט מנדב געווען גאר גרויסע סומעס פאר צדקה.

דער אנהייב פון אט די מעשה איז פארגעקומען אין די יארן פון די שרעקליכע וועלט־מלחמה, ווען רבי חיים האט זיך געפינען אין א ווייטע ארבעטס־לאגער אין דייטשלאנד. צווישן די אידן וואס האבן זיך געפינען דארט אין לאגער, איז געווען א רייכער מענטש וואס איז פאר'משפט געווארן צום טויט דורך הענגען רח"ל. אין דער לעצטער נאכט פאר זיין שטארבן, האט ער זיך שטילערהייט געוואנדן צו רבי חיים, און געזאגט צו אים: וויסן זאלסטו אז איך האב זייער אסאך געלט אין א געוויסן באנק, און איך האלט אייך פאר דער פאסיגער מענטש, דיר איבערצוגעבן די איינצלהייטן פונעם קאנטע, צו וועלכע מען קען צוקומען בלויז דורך א ספעציעלן 'קאָד', דעריבער געב איך דיר יעצט איבער אלע פרטים, כדי ווען עס וועט קומען דער טאג און דו וועסט געראטעוועט ווערן, זאלסטו עס איבערגעגעבן פאר איינער פון מיינע קינדער אז ער זאל עס נעמען אלץ ירושה.

אין זיין וואונדערליכן זכרון, האט רבי חיים געהאלטן אלע פונקטליכע איינצלהייטן, און אין די ערשטע געלעגנהייט נאך די מלחמה האט ער אלעס פונקטליך פארשריבן. ער האט זיך גענומען האסטיג זוכן וועלנדיג טרעפן די יורשים פון דעם איד, ער האט אבער נישט געטראפן קיין שום משפחה מיטגליד.

ארום צוואנציג יאר שפעטער (!) איז אמאל אנגעקומען צו רבי חיים א ביטערער ארימאן, און דערציילט אז ער איז אנגעקומען דארט פון ווייט אוועק, נאכדעם וואס זיין חבר האט אים געראטן צו בעטן הילף פון אים, זייענדיג באוואוסט מיט די פילע חסד וואס ער האט געטון. ווען רבי חיים האט זיך אריינגעלאזט אין א שמועס מיט אים, איז קלאר געווארן אז ער איז נישט קיין אנדערער ווי דער זון פון דעם פארשטארבענעם עושר, וועלכער איז גע'הרג'עט געווארן ביי די וועלט־מלחמה, און וויבאלד ער איז דעמאלטס געווען א קליין קינד האט ער גארנישט געוואוסט וועגן די געוואלדיגע רייכקייט פון זיין טאטע. דער רב האט זיך זייער געפריידט צו אים, און האט אים געזאגט אז מן השמים האט מען אים געשיקט צו אים! – ער האט אים געהייסן אז ער זאל גלייך פארן צו די און די שטאט, און אים דערלאנגט די פאסיגע נומערן וואס מען האט געדארפט האבן, און אזוי וועט ער קענען אנקומען צו די גרויסע ירושה וואס זיין טאטע, דער קדוש הי"ד, האט איבערגעלאזט פאר אים!

דער איד האט געבארגט אביסל געלט פונעם רב, פאר די הוצאות פונעם וועג, וויבאלד ער האט נישט געהאט אפילו א פרוטה אין האנט, און ער איז צוריקגעקומען פון דארט מיט **דרייסיג מיליאן דאלער!** (**$30,000,000!**) אין האנט.

פון דעמאלטס איז ער געווארן א וואונדערליכער שטיצער פון אלע צדקה אנגעלעגנהייט, און יעדן מאל וואס דער רב האט אים געבעטן זיך צו באטייליגן אין א דבר מצוה, פלעגט ער געבן גאר א שיינע נדבה!

**עטליכע גרויסע לערנונגען, נעמען מיר ארויס פון אט די וואונדערליכע מעשה!**

ערשטנס, זעען מיר דא די געוואלדיגע געטריישאפט און ערליכקייט פונעם רב, אז עס איז אים אפילו נישט איינגעפאלן צו נעמען אפילו א פרוטה, חלילה, פון די גאנצע סומע, נאר ער האט ערליך אפגעהיטן די 'קאָד' ביז דער ריכטיגער יורש איז געפינען געווארן!

אויך זעען מיר פון דא דעם געוואלדיגן השגחה פרטית מן השמים, אויפצוהאלטן דעם עולם התורה און גמילות חסדים, דורכן צושטעלן אין יעדער צייט די געטרייע **תמכין דאורייתא!**

און בדרך משל קענען מיר ארויסלערנען פון אט די מעשה, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט א ביטערער ארימאן און האט זיך געענדיגט דערמיט אז ער איז פלוצלונג געווארן א גאר גרויסער עושר... – און פונקט אזוי זעען מיר אויס דא אין עולם הזה אזוי ווי עֲנִיִּים וְדַלִּים, ווי מען באשעפטיגט זיך מיט תורה ומצוות און מען זעט נישט אזוי שטארק דעם שכר, דער מענטש ווייסט אבער נישט אז אין אמת'ן איז ער זייער א גרויסער עושר, און נאך הונדערט און צוואנציג וועלן מיר זיך פלוצלונג טרעפן אלץ גאר גרויסע עשירים! אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קיט, עב) "טוֹב לִי תוֹרַת פִּיךָ מֵאַלְפֵי זָהָב וָכָסֶף".

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173